# אין די שפּעטע יאָרן

## ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

אין די שפּעטע יאָרן טאָר אַ מענטש
נישט זײַן וואָס אַ מענטש איז געווען:
אַ לעבעדיקער מאַן אַ לעבעדיקע פֿרוי
אַ מענטש אין די שפּעטע יאָרן
איז נאָר אַ פּאָן, אַן אָנדענקשטיין
פֿאַר זאָגענישן, גלייבענישן, אַמאָלן

אויסגעטאָן פֿון רעשיקן לעבן
ווער וואָלט עס גלייבן, אַז
ער       זי איז אַ מאַן       אַ פֿרוי
אַן עלטערער מענטש איז פֿון אַ מאָל
אַן אַמאָל פֿון אַ מאָל

ער מעג עסן, טרינקען שלאָפֿן
נישט עסן, נישט טרינקען נישט
אויפֿשטיין
און זיכער וועט קיינער נישט האַלטן
אַז ער קען קוקן אויפֿן צווייטן מין
און זיך רייטלען און ס׳קענען
די בלוטן זיך רעשיק צעשפּילן
פּונקט ווי אַ מאָל
אַן עלטערער מענטש איז נישט קיין
הײַנטיקער       ער האָט נישט קיין
הײַנטיקע נטיִעות, חלומות
אַ לעבעדיקן חלום
ווי אין די לאַנגסטיקע אַמאָלן
ווער וואָלט גלייבן, אַז אַן עלטערער
מענטש קען זײַן
פֿינעף און צוואָנציק יאָר אַלט?

-------------

## מוח-פּייסאַזש

מיט דריבנע טרעפּ דערקראָכן
צו די שטערן,
דאָס וואָס מע טוט דערגרייכן
אין משך פֿונעם טאָג
פֿליט אַוועק ווי אַ פֿעדער,
אָן צו פֿילן אָן צו הערן
און מע פֿאַלט אַראָפּ
מיט בלײַ אין יעדן אבֿר.
ווען דאָס טרײַבל
האָט אַוועקגעלייגט דאָס קול
האָט פֿאַרענדיקט זיך דער שמועס
און – טונקל,
אָן אַ סלעד צי פֿונקען.
פֿאַרביטן זיך דער טאָג,
פֿאַרשטעלט אויף חושך נאַכט.
שטומעניש פֿאַרקלעמט דעם מוח,
נאָר הילכיק קלינגט
דאָס קעמערל וואָס טראַכט.
בנינים ווי גולמס
סטראַשעדיק אָן לשון,
פּלוצעם האָט אַ פֿויגל-קול
פּישטשעדיק דעם טאָג פֿאַרלאָשן.

-----------------

## פֿאַרצייכנט

אַ שאָטיק געשטאַלט,
די זון, אַ קוואַדראַט,
באַליכטיקט אים קאַלט,
ער גייט, קוים זיך שלעפּט
מיט אַ שטעקן, זײַן שטיץ,
ווער ער איז?
ווּהין גייט ער? צי ווייסט עס אַליין ער?
איך האָב עס פֿאַרצייכנט
פֿאַרן אַרײַנגיין אין באַן
דעם פֿירער, וואָס פֿירט
אין תּהומען אַרײַן.